בס"ד

# די ברכה אין שטוב

יו"ל ע"י "בית ברכה" מרכז מפעלי חינוך לבנות - סטאלין קארלין

## אינהאלט:

* **פרשה** / במדבר
* **פנינים לחג השבועות** /
* **הילולא** / מרן הבעל-שם-טוב הקדוש זצוקללה"ה
* **דוד מלך ישראל חי וקים** /
* **אמרות רבותינו** / גדולת הבעש"ט הק'
* **סיפור** / ראשונים כמלאכים
* **סיפור** / גדול כבוד הבריות
* **סיפור** / אשת חיל מי ימצא
* **הילולא דצדיקיא** /



2008

ערש"ק במדבר
ג' סיון תשפ"ה

שנה מ"ב כרך ע"ט
גליון ז' (אלפיים ח')

# הדלקת הנרות

## פרשת במדבר

| | ירושלים | טבריה | מודיעין | ניו-יורק |
|---|---|---|---|---|
| עש"ק | 7.04 | 6.59 | 7.13 | 8.01 |
| מוצש"ק | 8.21 | 8.23 | 8.22 | |

# זמנים

## לפרשת נשא

### ארץ ישראל

| יום | נץ החמה | סוזק"ש א. | סוזק"ש ב. | סוזת"פ א. | סוזת"פ ב. | חצות | שקיעה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ראשון | 5.29 | 8.11 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.37 | 7.45 |
| שני | 5.29 | 8.11 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.37 | 7.45 |
| שלישי | 5.29 | 8.11 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.37 | 7.46 |
| רביעי | 5.28 | 8.10 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.37 | 7.46 |
| חמישי | 5.28 | 8.10 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.38 | 7.47 |
| שישי | 5.28 | 8.10 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.38 | 7.47 |
| שב"ק | 5.28 | 8.10 | 9.05 | 9.42 | 10.16 | 12.38 | 7.48 |

### ניו-יורק

| יום | נץ החמה | סוזק"ש א. | סוזק"ש ב. | סוזת"פ א. | סוזת"פ ב. | חצות | שקיעה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ראשון | 5.27 | 8.34 | 9.10 | 10.01 | 10.25 | 12.54 | 8.21 |
| שני | 5.27 | 8.34 | 9.10 | 10.00 | 10.24 | 12.54 | 8.22 |
| שלישי | 5.26 | 8.34 | 9.10 | 10.00 | 10.24 | 12.54 | 8.22 |
| רביעי | 5.26 | 8.34 | 9.10 | 10.00 | 10.24 | 12.54 | 8.23 |
| חמישי | 5.25 | 8.34 | 9.10 | 10.00 | 10.24 | 12.55 | 8.24 |
| שישי | 5.25 | 8.34 | 9.10 | 10.01 | 10.25 | 12.55 | 8.24 |
| שב"ק | 5.25 | 8.34 | 9.10 | 10.01 | 10.25 | 12.55 | 8.25 |

## ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה׳ את משה כן חנו לדגליהם וכן נסעו.

וואס דערציילט אונז דא דער פסוק?

זאגן מפרשים: נאטורליך ווען מען שטעלט אויס מענטשן און מען גיבט יעדן אן ארט איינעם העכער און איינעם נידעריגער, ווערט נישט איינמאל א קריגעריי, פארוואס זאל יענער זיצן העכער ווי מיר, שטיין מער אין מזרח, האבן מער א מכובד׳דיגן ארט.

דא זאגט די תורה עדות: ״ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה׳ את משה כן חנו לדגליהם וכן נסעו״. קיינער האט זיך נישט געדונגען, יעדער האט זיך געשטעלט אויף זיין ארט, דער מזרח, דער דרום, דער צפון, יעדער אונטער זיין פאן, ״איש על מחנהו ואיש על דגלו״, אן קיין קריגעריי, און דאס דארף זיין א לערנונג לדורות.

☆ ☆ ☆

## במדבר סיני.

חז״ל זאגן אין מדרש רבה: ״בשלשה דברים ניתנה התורה: באש, ובמים, ובמדבר, מה אלו חינם לכל באי העולם כך דברי תורה חינם הם״.

צדיקים האבן אויף דעם געזאגט:

די דריי זאכן ״אש, מים, מדבר״, לערנען דעם מענטש דעם וועג וואס ער דארף גיין כדי ארויף צו גיין אין די מעלות פון תורה און יראת שמים.

״אש״ - דאס איז דער ברען פייער, קאך און התלהבות וואס יעדער דארף האבן אין הארץ ביים דינען דעם באשעפער און לערנען זיין תורה.

״מים״ - ווייזט אויף שפלות, ישוב הדעת און קלארע מחשבה.

״מדבר״ - ווייזט אויף צניעות און הסתפקות במועט, אזוי ווי חז״ל זאגן אין אבות: כך היא דרכה של תורה: ״פת במלח תאכל מים במשורה תשתה ועל הארץ תישן ואם אתה עושה כן אשריך וטוב לך״.

☆ ☆ ☆

## איש ראש לבית אבותיו הוא.

דער ״כלי חמדה״ זאגט: א מנהיג קען נישט ווערן נאר מיט די יחוס אבות וואס ער האט, און נישט מיט זיין כוח עשירות, נאר ״ראש לבית אבותיו הוא״ ער דארף זיין ראוי אז עס זאל קענען פון אים זיך אנהויבן א שיינער יחוס - ״איש ראש לבית אבותיו הוא״.

# פנינים לחג השבועות

### כל ישראל ערבים זה לזה (שבועות ל"ט)

דער הייליגער "בית אהרן" האט געטייטשט: "כל ישראל ערבים" אז יידן זענען זיס (לשון ערב) "זה לזה" איינער מיטן צווייטן און זענען אויסגעמישט (לשון ערוב) איינער מיטן צווייטן מיט ליבשאפט, האט יעדער א חלק אין דעם צווייטנ'ס עבודות און מעשים טובים.

☆ ☆ ☆

### בעצרת על פירות האילן (ראש השנה ט"ז)

דער הייליגער "בית אהרן" טייטשט: בעצרת ווען יידן נעמען זיך צוזאמען (עצרת לשון אסיפה) דארף מען זעהן עס זאל זיין פון דעם פירות, עס זאל עפעס ארויס קומען פון דעם צוזאמענקום.

☆ ☆ ☆

### כל הנוגע בהר

דער "חפץ חיים" האט זיך דערוואוסט אז די יידישע דאקטוירים אין ווילנא ווילן ארויף ברענגען א הצעה איינצופירן נייע סדרים אין די ישיבות צוליב געזונט זאכן.

דער "חפץ חיים" האט באלד אפגעשריבן א בריוו צום גרויסן דאקטער אין ווילנא וואס איז אויך געווען א גרויסער עסקן, און ער האט דארט גע'טענה'ט אז דאקטוירים דארפן זיך נישט מישן אין פירונג פון ישיבות, דער מצב אין די ישיבות איז אויפן בעסטן ארדענונג, די ישיבה בחורים עסן גוט און זיי זענען ברוך ה' געזונט.

און דער "חפץ חיים" האט אויסגעפירט:

אין די תורה הקדושה שטייט "כל הנוגע בהר מות יומת" אויב ווער עס האט געפרואווט אנרירן דעם בארג סיני איז זיין שטראף געווען מיתה, איז כל שכן ווער עס פרואווט אנרירן די תורה אליין, וועט שטרענג געשטראפט ווערן.

☆ ☆ ☆

### מתוקים מדבש ונופת צופים

הרה"ק ר' זאב פון לבוב פון די גרויסע תלמידים פון שרף הרה"ק ר' אורי פון סטרעליסק, איז אמאל נאך שבועות שטארק קראנק געווארן עס איז אים נמאס

געוואַרן אַלע עסן, דאָקטוירים וואָס האָבן געהאַלטן אַז פאַר זיין קרענק איז דער עיקר עסן צו די זאַך, האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט אַזוי פאַרלוירן דעם טעם אין עסן.

האָט זיך רבי זאב אָנגערופן צו די דאָקטוירים:

דעם יום טוב שבועות ווען איך האָב געדאַוונט, און ביי דעם פסוק פון "שבת ברכות" האָב איך געזאָגט דעם פסוק "מתוקים מדבש ונופת צופים" האָב איך זיך שטאַרק מתבונן געווען אין די ווערטער, ביז עס זענען מיר נמאס געוואָרן אַלע אַנדערע מאכלים, און זיי האָבן ביי מיר קיין טעם נישט אויף אַריין צו נעמען אין מויל, ווען אַנטקעגן איז דאָ אַזאַ זיסע תורה.

☆ ☆ ☆

**שלשה דברים צריך לומר בתוך ביתו**

הרה"ק ר' יחזקאל פון קוזמיר זצוק"ל האָט אַמאָל געזאָגט תורה שבועות ביינאַכט ביים טיש, און האָט צוגעשטעלט די גמרא אין שבת (דף ל"ד) שלשה דברים צריך לומר בתוך ביתו ערב שבת, ערב שבת דאַרף יעדער איד זאָגן אין שטוב דריי זאַכן "עשרתם" "ערבתם" "הדליקו את הנר" און חז"ל זאָגן אַז מ'דאַרף דאָס זאָגן בניחותא, מיט אַ רואיגקייט און געלאַסנקייט, פאַרוואָס? זאָגן חז"ל, כדי די בני בית זאָלן דאָס מקבל זיין, אויב מ'וועט דאָס זאָגן שטרענג וועט מען נישט פאָלגן און נישט מקבל זיין.

זאָגט דער קוזמירער, אויב חז"ל זאָגן אַז די 3 זאַכן דאַרף מען זאָגן בניחותא כדי אידן זאָלן דאָס מקבל זיין, וויפיל ניחותא דאַרף מען האָבן ווען מ'גייט זאָגן אידן אַז זיי זאָלן אויספירן תרי"ג מצוות און נישט קיין לייכטע, זאָגן מיר אייך אידן בניחותא, מיר האָבן אַ תורה מיט תרי"ג מצוות און מ'דאַרף זיי אויספירן.

## הילולא פון בעש"ט הקדוש

**דער יונגער רבי זי"ע האָט אַמאָל דערציילט:**

**איך האָב געפרעגט דעם טאַטן - דעם הייליגן "בית אהרן - אין וועלכן טאָג פון שבועות איז דוד המלך'ס יאָרצייט און אין וועלכן טאָג איז דעם בעש"ט'ס הקדוש? - ווייל די וועלט ספק'עט זיך דאָך - און ער האָט מיר געענטפערט:**

**דעם ערשטן טאָג שבועות איז די הילולא פון הייליגן בעש"ט (ו' סיון) אין דעם צווייטן טאָג ז' סיון איז דוד המלך'ס - אַזוי ווי די גמרא דערציילט אין שבת אַז עס איז אויסגעקומען שבת.**

# הילולא מרן הבעל-שם-טוב הקדוש זצוקללה"ה

קדוש ישראל ותפארתו דער בעל-שם-טוב הקדוש זצוקללה"ה
צו זיין הילולא שבועות, ו' סיון (תק"כ)

דער הייליגער בעש"ט זי"ע איז געבוירן געווען י"ח אלול תנ"ח אין די שטאט אקופ, צו זיין טאטן דער צדיק רבי אליעזר זצוק"ל און זיין מאמע די צדיקת שרה ע"ה.

דער בעש"ט איז נתגלה געווארן אין דעם טאג י"ח אלול ווען ער איז אלט געווען 36 יאר און האט באלויכטן די גאנצע וועלט מיטן אור החסידות, צו די ליכט האבן זיך צונויף געקומען אסאך תלמידים גדולי עולם, די לייבן פון זיין דור, און פון זיי זענען פארצווייגט געווארן די אלע חסידות'ן מיט זייערע הייליגע קייטן ביז היינטיגן דור.

דער בעש"ט האט געלערנט תורה פון אחיה השילוני וואס האט מקבל געווען תורה פון משה רבינו. אזוי ווערט געברענגט אין דעם הייליגן ספר "תולדות יעקב יוסף" וואס ער איז געווען פון זיינע גרעסטע תלמידים.

דער בעש"ט זי"ע האט געקענט אלע חכמות אין דער וועלט שיחות חיות ועופות און אסאך מאל איז ער געקומען צו התפשטות הגשמיות צוליב זיינע יחודים און דביקות אין באשעפער יתברך שמו.

צדיקים האבן גערעדט פון די גרויסקייט פון בעש"ט יעדער מיט זיינע מעלות און שבחים.

**בשם אונזערע צדיקים פון קארלין זי"ע זאגט מען נאך: אז אזא נשמה ווי דעם בעש"ט קומט אויף דער וועלט איינמאל אין טויזנט יאר.** (כתבי הרי"ם מקאזניץ)

דער ספר "לשון חסידים" ברענגט אין זיין הקדמה, אויף דעם בעש"ט בזה"ל: (מתורגם ליידיש)

> געלויבט איז דער באשעפער, וואס האט אונז געשיקט אין די נידעריגע דורות, עקבתא דמשיחא, אזא גרויסע און הייליגע נשמה אור ישראל וקדושו מוהר"ר ישראל בעל שם טוב צו באלייכטן די וועלט און זיינע איינוואוינער וכו', ער האט באלויכטן די אויגן פון כלל ישראל אין די טונקלקייט, וואס אפילו אונזערע נביאים האבן זיך געוואונדערט ווי אזוי כלל ישראל וועט זיך קענען האלטן, און געלויבט השי"ת וואס האט רחמנות געהאט אויף אונז, און אונז געשיקט א רפואה דורך דעם מלאך מושיע קדוש ונורא, וואס איז ארונטער צו אונז פון הימל הרב בעל שם טוב זכותו יגן עלינו.

☆ ☆ ☆

איינע פון די זאכן וואס די מתנגד'ישע גדולים אין ברודי האט געהארט אויף די דרכים פון בעש"ט הקדוש איז געווען, וואס ער האלט א משרת א גוי דער באוואוסטער "אלעקסיי" וואס מיט אים פלעגט ער פארן די אלע וואונדערליכע נסיעות - ווען ער זעצט אים מיטן פנים פארקערט און די פערד פלעגן אליין גיין צו זייער ריכטונג.

האט אמאל דער ראצפערטער רב זצ"ל דערציילט אז ער איז אמאל געווען אין בעלזא ביי הרה"ק ר' יהושע זצוק"ל, אין א טאג ווען דער בעלזער זצוק"ל איז זיך געגאנגען וואשן צום עסן - האלטנדיג דעם קווארט אין האנט און דער האנטוך אנגעהאנגען אויף דעם אקסל - האט ער זיך אויף א ווײַלע פארטראכט און זיך שפעטער אזוי ווי אויפגעכאפט און זיך אנגערופן:

יעצט האב איך זיך דערוואוסט און עס איז מיר פארענטפערט געווארן דער וואונדער וואס איך האב נישט פארשטאנען, פארוואס דער בעש"ט הקדוש האט געהאלטן ביי זיך א משרת דעם ערל אלעקסיי. האט ער דען נישט געקענט האלטן אנשטאט אים קיין יידן? דאס האט דאך אויך געברענגט א טענה פאר די מתנגדים.

יעצט האב איך זיך דערוואוסט דעם טעם. ווען די הייליגע נשמה פון בעש"ט הקדוש האט געדארפט אראפקומען אויף אונזער וועלט, האט דער שטן מיט זיינע אלע כוחות געארבעט אז מ'זאל די נשמה נישט לאזן אראפ גיין, ווייל ער האט גע'טענה'ט אז דער בעש"ט וועט ברענגען אלע יידישע הערצער צו עבודת ה' און כמעט ווי עס וועט בטל ווערן די בחירה, האט מען אים צוגעזאגט אז מ'וועט אין די זעלבע צייט אראפ לאזן אויך א גרויסן רוח ביי די גוים וואס וועט זיך מיט אים שלאגן.

דעריבער, ווען עס איז ארונטער געקומען די הייליגע נשמה פון בעש"ט הקדוש אויף אונזער וועלט, איז דאן אויך אראפ געלאזט געווארן דער רוח פון דעם גוי אלעקסיי, וואס האט געדארפט זיין א גרויסער שונא ישראל וואס וועט אסאך שלעכטס טאן יידן, און איבערפירן אסאך פון וואס דער בעש"ט וועט אויפטאן.

דער בעש"ט הקדוש האט דאס געזעהן ברוח הקודש, און דעריבער האט ער זיך געשטארקט מיט אלע זיינע כוחות נאך איידער אלעקסיי איז אויסגעוואקסן און אים געקויפט פאר א קנעכט, און חז"ל זאגן דאך "מה שקנה עבד קנה רבו" - האט ער אויף אים באקומען א שליטה און אזוי האט ער נישט געקענט שלעכטס טאן.

☆ ☆ ☆

ו' סיון דער ערשטער טאג שבועות, איז דער בעש"ט הקדוש נסתלק געווארן, ווען ארום אים שטייען זיינע הייליגע תלמידים, פאר זיי האט ער געזאגט הויכע תורה א ביאור אויפן סדר העבודה, און ער האט געהייסן זאגן ויהי נועם.

געזאגט האט ער אז ווען ער וועט נסתלק ווערן וועלן זיך אפשטעלןביידע זייגערס וואס זענען געהאנגען אין צימער, און אזוי איז געווען, ווען עס האבן זיך אפגעשטעלט די זייגערס האבן זיי געזעהן די יציאת נשמה במיתת נשיקה ווי א פלאם פייער אין דעם קאליר פון תכלת.

באהאלטן האט מען דעם בעש"ט אין דעם צווייטן טאג יום טוב, ז' סיון, אין בית החיים פון די שטאט מעז'יבוז', דארט איז געווארן א מקום תפילה לרבים. צום ציון זענען אלע אונזערע צדיקים צוגעגאנגען אן שיך, צוליב די הייליגקייט פון ארט, און אזוי פירן זיך אונזערע חסידים וואס קומען צום הייליגן ציון.

דער הייליגער "בית אהרן" זי"ע האט צוויי מאל פארלאזט קארלין פאר שבועות און איז געפארן קיין מעז'יבוז', דארט צו פראווען דעם יום-טוב.

געזאגט האט ער "**הר האלוקים חורבה**" מיינט מעז'יבוז', דער ארט וואו דער הייליגער בעש"ט האט געהאט זיין משכן ה' און פון דארט צושפרייט דעם תורת החסידות, דארט אויך איז מקום מנוחת קדשו.

ווען דער "בית אהרן" איז געווען אין מעז'יבוז' האט ער די ערשטע נאכט פון שבועות געדאווענט אין "בית מדרש פון בעש"ט הקדוש זי"ע". די אכסניה פון אלטן רבי'ן איז געווען אין די הויז פון רבי'ן ר' ברוך פון מעז'יבוז' זי"ע , און ער האט געדאווענט שחרית דעם ערשטן טאג אין דעם בית מדרש פון רבי'ן ר' ברוך זצוק"ל.

דער הייליגער "בית אהרן" האט געדאווענט פרי, 8 א זייגער, נישט ווי זיין שטייגער א גאנץ יאר.

מוצאי שבועות איז נאך נישט געווען קיין ז' שלמים פון די לבנה עס האט געפעלט אפאר שעה, און די לבנה איז אויך געווען א ביסל פארדעקט מיט א דינעם וואלקן, אבער דער אלטער רבי האט נישט געוואלט מוותר זיין אויף מחדש זיין די לבנה דארט אין מעז'יבוז', ער האט פארקוקט אויף די זאכן און האט מחדש געווען די לבנה.

☆ ☆ ☆

דער הייליגער בעש"ט האט איבער געלאזט נאך זיך דעם זוהן הרה"ק ר' צבי.

רבי צבי איז נסתלק געווארן אין יאר תק"מ פון אים זענען געבליבן 3 חשוב'ע זיהן צדיקים הרה"ק ר' אהרן טיטיובער, הרה"ק רבי ישראל (שותק) פון פאווליטש, און הרה"ק ר' דוב בער פון אולינוב.

פון די טאכטער פון בעש"ט הקדוש די צדיקת "אדל", וואס דער בעש"ט הק' האט אויף איר עדות געזאגט אז איר נשמה איז פון "אוצר הנשמות הטהור" פון פסוק א'ש ד'ת ל'מו, ר"ת אד"ל, איז געבוירן געווארן הרה"ק ר' משה חיים אפרים פון סדילקוב דער "דגל מחנה אפרים", און דער רבי ר' ברוך פון מעז'יבוז', וואס איז געווען דער ממשיך פון דעם זיידן דעם בעש"ט הק' אין מעז'יבוז'.

פון בעש"ט האבן זיך געצויגן פארשידענע צווייגן און דורות צדיקים, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז א ניינטער דור פון בעש"ט דורך די רעבעצן פון כ"ק מרן רבי יוחנן זצוק"ל וואס איז געווען אן אייניקל פון סאווראנער, ער איז געווען אן אייניקל פון דעם זוהן הרה"ק ר' צבי בן הבעש"ט זצוק"ל.

די תורות פון הייליגן בעש"ט זענען צושפרייט אין אלע חסיד'ישע ספרים תלמידי הבעש"ט, און כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש אין תורת החסידות קומט אלעס פון זיין כוח וואס ציהט זיך עד היום הזה און וועט זיך ציהען עד ועם ביאת גוא"צ.

***זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.***

## והייתם לי סגולה מכל העמים

**געקומען איז אמאל א פאטער צו הרה"ק ר' יצחק פון ווארקא זצוק"ל און האט זיך פאר אים פארקלאגט וועגן דעם ענין פון חינוך פון זיינע קינדער, צווישן די רייד האט ער אים געפרעגט: צדיקים גיבן פארשידענע סגולות, אפשר וואלט דער רבי מיר געקענט געבן עפעס א "סגולה", וועגן דעם ערציהונג פון די קינדער.**

**איין סגולה איז פאראן און קיין בעסערער פון דעם געפינט מען נישט, די סגולה שטייט אין די תורה "ושמרתם את בריתי" "והייתם לי סגולה מכל העמים" אז איר וועט לערנען מיין תורה איז דאס די בעסטע און שטארקסטע "סגולה".**

**אזוי זאגט אויך דער "אבן עזרא" אויפן פסוק "והייתם לי סגולה מכל העמים" סגולה - דבר נכבד ונחמד ולא נמצא אחר כמוהו!**

## לפני מי אתם מטהרים

**אויף די גמרא אין יומא פה ע"ב "לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים". האט דער "דברי ישראל" פון מודז'יץ געשריבן:**

**"ולפני מי" פאר די גימטריה "מי" וואס איז 50, זענען דא 49 טעג, דאס זענען די ספירה טעג וואס ביי זיי איז "אתם מטהרים" - דארפט איר אליין הארעווען און זיך ריינigen, "ומי" ווען עס האלט שוין ביים 50'סטן טאג שבועות איז "מטהר אתכם אביכם שבשמים" דאן איז הקב"ה מסייע און ער איז מטהר.**

# דוד מלך ישראל חי וקים

צו דעם יארצייט טאג, שבועות, ב׳ אלפים תתקכ״ד

חז״ל זאגן אז דוד המלך איז געבוירן געווארן שבועות און איז נפטר געווארן שבועות ״בעצרת נולד ובעצרת מת״, ער איז נפטר געווארן שבת במנחה.

תוספות אין מסכת חגיגה דף יז ע״א ברענגט א ירושלמי: ״אמר רבי יוסי בר בון דוד מת בעצרת והיו כל ישראל אוננין והקריבו למחר״. און תוספות פרעגט דארט א קשיא אז פון אונזער גמרא אין בבלי ווייזט אויס אז עס איז געווען שבת, און תוספות ענטפערט אז עס זעהט אויס א מחלוקת פון ירושלמי און בבלי צו עס איז געווען שבת... דער רש״ל אין פרשת אמור וויל זאגן אז עס איז נישט קיין מחלוקת נאר עס איז געווען שבועות און שבת (בזמן הזה קען דאס טאקע נישט אויסקומען, ווייל דער ערשטער טאג פסח קומט קיינמאל נישט אויס פרייטיג).

חז״ל זאגן אז דוד המלך האט געוואוסט אז זיין פטירה וועט זיין שבת, און ער פלעגט דעריבער אלע שבת לערנען אן אויפהער, כדי די תורה זאל מגין זיין אויף אים פון מלאך המות, אין דעם טאג איז דער מלאך המות געקומען נעמען זיין נשמה און ער האט נישט געקענט צוליב זיין תורה לערנען, האט ער געמאכט א שפיצל, ער האט גענומען שאקלען די בוימער פון גארטן, און צוליב דעם האט דוד מפסיק געווען א מינוט פון לערנען, און ער איז ארויס אין גארטן א קוק טאן ווער עס מאכט דארט דעם גערודער, דאן האט זיך צובראכן א טרעפל און ער איז געפאלן און אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה.

אין יוסיפון ווערט געברענגט, און דער ״סדר הדורות״ ברענגט אים: דוד המלך וואס איז באהאלטן געווארן אין עיר דוד אויף הר ציון, האט אנגעזאגט אז אין זיין קבר זאל מען מאכן א פלאץ פאר א גרויסן אוצר דארט זאל מען אריין לייגן גאר אסאך גאלד און זילבער וואס וועט שפעטער קומען צונוץ, און אויפן אוצר האט שלמה המלך געבויעט א שיינעם בנין כדי מען זאל דעם אוצר נישט קענען טשעפען, ווען אנטיוכוס איז אין די צייט פון בית שני ארויף אויף ירושלים האט יוחנן הורקנוס ארויס גענומען פון דעם אוצר א שיינע סומע כדי משחד צו זיין אנטיוכוס ער זאל זיך דערווייטערן פון ירושלים און איר נישט חרוב מאכן, יוחנן הורקנוס דער כהן גדול האט דאן ארויס גענומען פון דעם אוצר 3000 ככר זילבער און ער האט דאס געגעבן צו אנטיוכוס וואס האט צוליב דעם ארונטער גענומען דעם מצור פון ירושלים.

אין תוספתא בבא בתרא א׳ י״א שטייט דער לשון:

״קברי בית דוד ... היו בירושלים ולא נגע בהם אדם מעולם ... מחילות היתה להן והיתה מוציא הטומאה לנחל קדרון״.

✰ ✰ ✰

ליידער אזוי ווי אלע אנדערע מקומות הקדושים האבן די גויים איבער גענומען די שליטה אויף קברי מלכי בית דוד, געווען איז א פייער צווישן די נוצרים און מוסלמי'נער וואס יעדער איינער האט געוואלט האבן די שליטה אויף דעם הייליגן ארט, און נאך לאנגע קאמפפן האבן די מוסלמי'נער גענומען די שליטה אויף דעם בנין פון קברי מלכי בית דוד. ווי עס איז געווען מקובל - אויף דעם ארט האט דער אר"י הקדוש עדות געזאגט ווי עס ווערט געברענגט אין פארשידענע ספרים:

"והאר"י הקדוש האלוקי מוהר"י לוריא ז"ל דרוח ה' דיבר בו, הוא גם כן קיים ואישר וסמך ידו דעיר ציון שהוא מחוץ לחומת ירושלים דשם קברי מלכות בית דוד".

אין ספר "שערי דמעה" ווערט געברענגט א תפלה וואס מ'האט מתקן געווען צו זאגן ביים קבר דוד המלך:

"רבונו של עולם אלקי הצבא-ות יושב הכרובים, באתי היום להשתטח על קבר מלכות בית דוד אשר שרתו לפניך באמת ובתמים, לכן אפיל תחינתי לפניך, כשם ששמעת אל תפילת דוד עבדך ולשלמה בנו... כן תאזין ותקשיב ברחמיך הרבים גם תפלתי ותחינתי אשר הנני מתפלל פה על קברם, וזכות מלכי ישראל יעמוד לכל ישראל, שתתן את עמך בית ישראל בכל מקום שהם לחסד ולרחמים בעיני המלכים ושרים".

☆ ☆ ☆

א תקופה פון יארן פלעגן אונזערע חסידים פון קארלין-סטאלין ארויף גיין צום קבר דוד המלך אסרו חג פון שבועות, דארט דאווענען מנחה און שפעטער ארויס גיין א טאנץ פון שמחה מיט גרויס התלהבות וואס האט איבער געלאזט א רשימה.

ווען כ"ק מרן זצוק"ל הרה"ק ר' יוחנן איז געווען אין ירושלים אין יאר תש"ו איז ער אויך ארויף אסרו חג פון שבועות מיטן עולם צום "ציון" און איז צוגעקומען ביזן קבר פון "דוד המלך", דער שומר דער מוסלמי'נער האט אים געבעטן ער זאל אויסטאן די שיך איידער ער גייט אריין.

דער רבי זי"ע האט געפרעגט דעם גבאי וואס דער גוי וויל, און ווען ער האט אים געזאגט אז דער גוי פאדערט אז דער רבי זאל אויסטאן די שיך, האט זיך דער רבי זי"ע אנגערופן:

"עס איז דאך אונזער'ס!" - דער הייליגער ארט געהערט דאך צו אונז - דער רבי זי"ע איז דאך אן אייניקל פון דוד המלך לויט דעם יחוס פון גרויסן רבי אהרן, וואס האט דער גוי צו זאגן דא א דיעה...

☆ ☆ ☆

**נעים זמירות ישראל**

דוד המלך האט אונז איבער געלאזט דעם "ספר תהילים" וואס ער האט מחבר געווען און דעריבער ווערט דוד המלך אנגערופן "נעים זמירות ישראל".

המשך בעמ' יד ←

# די פיר ווינקלען פון שטוב

## תורה און דרך ארץ

### דיבורים פון בעש"ט הקדוש

**אמונה מוז זיין אן קיין ספק.** אין א מלוה מלכה סעודה האט דער בעש"ט מאריך געווען אין זאגן תורה וועגן זיך שטארקן אין אמונה. און האט געזאגט: "אמונה מוז זיין אמונה שלימה אן קיין שום ספיקות ווייל "הספק" איז אותיות "הפסק" דאס האלט אפ דעם צינור פון השפעה און דאן איז אלעם פארלוירן ח"ו.

☆ ☆ ☆

**והיו עיניך רואות את מוריך.** א מענטש זאל דוקא קוקן אויף כשר'ע מענטשן (צדיקים) וואס זייער מחשבה איז באהאפטן אין דעם באשעפער, וועט ער קונה זיין קדושה אין זיין לייב. (צוואת הר"י בעש"ט)

## הלכות און מנהגים

### שבועות - אחרון של פסח

א. דער רמב"ן אין פרשת אמור זאגט: שבועות איז דער אכטער טאג פון פסח אזוי ווי שמיני עצרת איז דער אכטער טאג פון סוכות און די זיבן ספירה וואכן זענען אזוי ווי חול המועד, דעריבער רופן חז"ל אן שבועות "עצרת" - אזוי ווי "שמיני עצרת".

עס זעהט אויס אז דאס איז דער יסוד פון אונזער מנהג אז ביז שבועות זינגט מען פסח'דיגע נגונים, און ביים באגלייטן דעם יום טוב שבועות זינגט מען חסל סידור פסח און לשנה הבאה.

☆ ☆ ☆

ביי די סעודה פון באגלייטן דעם יום טוב זינגט מען "אדיר במלוכה", דריי מאל "חסל סידור פסח", "לשנה הבאה בירושלים", "כל ברואי מעלה" ביז העלפט, (די אנדערע העלפט ענדיגט מען ביים יארצייט פון הייליגן "בית אהרן" טו"ב סיון) און "והשיאנו".



## מוסר און יראת ש...

### וקוי ה' יחליפו כח

עס איז באוואוסט די אויסערגעוויינליכע עבודה פון הרה"ק ר' שמואל פון זיכלין זצוק"ל, זאגנדיג שבועות די אקדמות און ווי נאך ביים ליינען די עשרת הדברות, עס איז געווען ממש ביז מסירות נפש, מאסן חסידים האבן געשטראמט פון אלע זייטן זיך צו געפינען אין דעם געהויבענעם שטימונג, יעדער האט זיך געפילט ווי ער איז מקבל תורה ווי ער זעהט, הערט, ווי פונקען פייער פילן אן די גאנצע שול.

אין א יאר האט דער רבי געליינט אין די תורה און די התלהבות האט געהאלטן אין איין שטייגן אזוי ווייט ביז ס'האט זיך אים איינגעריסן אן אדער אין האלדז, און עס האט געגומען גיסן בלוט.

אלע חסידים זענען פארציטערט געווארן, און דער רבי האט קיין זאך נישט געפילט ער האט פארגעזעצט ליינען די עשרת הדברות מיט א ברען פייער און "וקוי ה' יחליפו כח" מיט ניסים האט אים גארנישט פאסירט.

### אקדמות פון אלטן סטאלינער זי"ע:

אמאל איז געקומען א חסיד פון אלטן סטאלינער קיין אפטא מקבל שלום זיין פון אפטער רב זי"ע, פארנדיג נאך שבועות פון סטאלין צו זיך אהיים.

יענעם שבועות איז דער אלטער סטאלינער געווען נישט געזונט און איז געלעגן צו בעט.

ווען דער חסיד איז אריין צום אפטער רב און אים דערציילט אז ער קומט יעצט פון סטאלין, פרעגט אים דער אפטער רב: וואס מאכט דער סטאלינער רבי? האט אים דער חסיד דערציילט אז ער איז נישט געזונט און דארף א ישועה.

האט דער סטאלינער רבי עפעס געדאווענט פארן עמוד שבועות? האט ער געזאגט אקדמות? - פרעגט דער אפטער רב דעם חסיד.

האט דער חסיד געענטפערט: צוליב זיין שוואכקייט האט ער נישט געזאגט קיין אקדמות.

רופט זיך אן דער אפטער רב:

יעצט איז אונז שוין פארענטפערט! אלע יאר קלייבט זיך די פמליא של מעלה הערן זיין אקדמות, היינט איז די פמליא של מעלה נישט געגאנגען זעהן, ביז יעצט האבן מיר נישט פארשטאנען פארוואס! (מכתבי ר' מנדל צייליגנולד ז"ל)

## חסד און חסידו...

→ המשך מעמ' יא

אין מדרש "שוחר טוב" ווערט געברענגט:

משה רבינו ע"ה האט געגעבן יידן חמשה חומשי תורה, דאגעגן דוד המלך האט געגעבן דעם ספר תהילים פאר יידן וואס איז אויך איינגעשטעלט אין פינעף ספרים.

אין "מדבר קדמות" שטייט דער לשון:

> כל האומר תהילים בכל יום כאילו קיים כל התורה כולה וזהו "תוכו לרגליך ישא מדברותיך" (דברים ל"ג) ר"ת "תלים" וסמיך ליה תורה צוה לנו משה וגו'".

☆ ☆ ☆

דוד המלך האט געשריבן דעם תהילים דורך 10 זקנים, ווי חז"ל רעכענען אויס: אדם, מלכי צדק, אברהם, משה, דוד, שלמה, אסף, און די דריי זיהן פון קורח. (רש"י תהילים א').

☆ ☆ ☆

דוד המלך האט דעם ספר תהילים געזאגט מיט צען לשונות פון שבח:

ניצוח (למנצח), ניגון (בנגינות), משכיל, מזמור, שיר, אשרי, תהלה, תפילה, הודאה, און הללו-י-ה, חז"ל זאגן אז די העכסטע פון זיי איז דער לשון הללו-י-ה ווייל אין דעם ווארט איז דא אויך דעם שם ה' און אויך דער שבח.

☆ ☆ ☆

אין מדרש "שוחר טוב" (תהלים י"ח) ווערט געברענגט אז דוד המלך האט געלויבט השי"ת מיט זיינע אלע אברים ווי ער רעכנט אויס:{

מיטן קאפ: "דשנת בשמן ראשי"

מיט די אויגן: "עיני תמיד אל ה'"

מיט זיין מויל: "פי יספר צדקתך"

מיטן צונג: "ולשוני תהגה צדקך"

מיטן האלדז: "יגעתי בקראי נחר גרוני"

מיט זיינע ליפן: "תרננה שפתי"

מיט די הארץ: "לבי ובשרי ירננו"

און צום ענדע מיט אלע ביינער: "כל עצמותי תאמרנה"

מיטן נפש, זיין גרויסער גייסט: "ברכי נפשי את ה'"

מיט זיין געהויבענע נשמה: "כל הנשמה תהלל י-ה"

און נאך אלעס פירט ער אויס אז ער ווייסט נאך נישט ווי צו לויבן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

# אמרות רבותינו - גדולת הבעש"ט הקדוש

**די צדיקים פון קארלין-סטאלין וועגן בעש"ט הקדוש**

דער הייליגער "בית אהרן" זי"ע האט דערציילט:

אמאל איז דער בעש"ט הקדוש אריין אין "בית המדרש" ווען דער עולם האט געזאגט תהלים קעגן א גזירה וואס איז ארויס געקומען, האט ער געזעהן אז זיי זאגן תהלים קאלט, האט ער געגעבן א געשריי אויף זיי: מ'קען מיט קאלטקייט גארנישט פועלן, נאר מיט זאגן תהלים בתלהבות.

ווען דער הייליגער "בית אהרן" איז געקומען אמאל צום ציון פון הייליגן בעש"ט אין מעז'יבוז' האט ער זיך אנגערופן צו הגה"ח ר' יום טוב שמחה רב פון לאהישן: וואס זאגסטו, ווי אזוי קען מען צוגיין צו אזא הייליגן ציון מיט ליידיגע הענט? - דער אלטער רבי האט דאן געווארט אן ערך פון 20 מינוט.

און האט זיך שפעטער אנגערופן:

אויפן הייליגן ציון גייען דאך אויך קינדער און פרויען, קענען מיר דאך אויך אריין גיין אויף זייער אופן...

✫ ✫ ✫

דער הייליגער "בית אהרן" האט שבת אחרון של פסח געזאגט תורה ביים טיש, און אין די תורה גערעדט דברי מוסר און געזאגט:

אפילו אזעלכע וואס שטאמען פון הויכע בערג, קינדער און אייניקלאך פון גרויסע מענטשן, דארפן אויך הארעווען צו דערגרייכן דעם גדלות ה', ווייל אן הארעוואניע איז גארנישט, און האט דערציילט די מעשה פון בעש"ט הק' וואס האט זיך נאך די הסתלקות געוויזן פארן זוהן הרה"ק ר' צבי, און רבי צבי האט אים געפרעגט: טאטע ווי אזוי דארף מען דינען דעם באשעפער? האט דער בעש"ט הק' אים באוויזן א הויכער בארג און נעבן בארג גאר א טיפן טאל, און ער - דער בעש"ט - האט זיך ארויף געשטעלט אויפן שפיץ בארג, און האט זיך ארונטער געווארפן אין טיפן טאל ביז זיינע איברים זענען אינגאנצן צושמעטערט געווארן, און ער האט אנגערופן צום זוהן: אזוי דינט מען דעם באשעפער.

ער האט אים מרמז געווען אז דינען דעם באשעפער דארף מען מיט גרויס הארעוואניע, אז דער גאנצער קערפער זאל צוטרייסלט ווערן.

✫ ✫ ✫

**כ״ק מרן הרה״ק ר׳ יוחנן פון סטאלין-קארלין איז געזעצן ח׳ סיון (איסרו חג פון שבועות אין חו״ל) תש״ז אין ירושלים און געטרונקען לחיים מיטן עולם און האט דאן דערציילט:**

דער פאטער זצוק״ל - דער הייליגער פראנקפורטער - איז אמאל געקומען קיין מעזשיבוז׳ אין שול פון בעש״ט, דארט איז געשטאנען דער טישל פון בעש״ט הק׳ וואס ביי אים פלעגט ער שטיין ביים דאווענען.

דער טישל איז געווען ארום געקייטלט מיט א קייט פון ווייטנס, און דער קייט איז געווען צוגעשלאסן מיט א שלאס כדי מ׳זאל צום טישל נישט קענען צוגיין און אים אויך נישט אוועק נעמען פון ארט.

ווען דער שמש פון שול איז אריין געקומען, האט אים דער פאטער געפרעגט, צו ער האט דעם שליסל פון דעם שלאס וואס מאכט צו דעם קייט, האט דער שמש געענטפערט: וואס איז דער אונטערשייד צו איך האב דעם שליסל צו נישט, מ׳וועט דאך דעם שלאס סייווי פאר קיינעם נישט עפענען.

ווען דער פאטער האט געהערט זיין ענטפער, האט ער געזאגט דעם שמש מיט שטרענגקייט ער זאל עפענען דעם שלאס!

אויפן שמש איז געפאלן א שרעק און ער האט באלד דעם שלאס געעפנט, דאן איז דער פאטער זצוק״ל צוגעגאנגען צום טישל און האט זיך דארט געשטעלט דאווענען מנחה. (כתבי קודש)

כ״ק מרן הרה״ק ר׳ יוחנן זי״ע האט שבת חוה״מ סוכות פון יאר תש״ח זייענדיג אין חיפה, דערציילט, וועגן די צייט וואס די באלאכאוויטשעס (ווילדע פויערן רוצחים) האבן באפאלן סטאלין, עס איז געווען שבת הושענא רבה א באפאל פון די רוצחים אויפן טאטנ׳ס הויף אין סטאלין, דער הייליגער פראנקפורטער זי״ע איז דאן ניצול געווארן דורך א נס פון זייערע הענט. און דער רבי זי״ע האט אויסגעפירט:

מיר האבן געפונען - שפעטער - א קוויטל אין בעל שם טוב׳ס זוהר (ווי באוואוסט זענען דאך די זוהר׳ס פון הייליגן בעש״ט געווען אין סטאלין זיי האט הרה״ק ר׳ צבי נכד הבעש״ט געברענגט א מתנה פארן אלטן רבי׳ן זי״ע), וואס דער הייליגער פראנקפורטער זי״ע האט אריין געלייגט - און דארטן איז געשטאנען אלעס אויסגערעכנט אז מען זאל פון דעם ווערן אפגעהיט... (כתבי קודש)

## עשבים בחג השבועות

**א טעם פאר וואס מען שפרייט אויס אין די שולן גראז - ״עשבים״ אויף שבועות?**

**ווייל עש״ב איז ראשי תיבות ע׳צרת ש׳בועות ב׳יכורים, א רמז אויף די דריי נעמען וואס דער יום טוב שבועות האט.**

# ספור

## ראשונים כמלאכים

צו די הילולא פון בעש"ט הקדוש זי"ע

אין די צייט פון הייליגן בעש"ט איז געווען א ייד א גרויסער עושר, ער האט פארמאגט הייזער, וועלדער, א גרויסן צאל אקסן א.א.וו. זיין רייכטום איז געווען גרויס.

דער עושר האט זיך נוהג געווען מיט חסד וואס ער האט געטאן מיט מענטשן, איינע פון זיינע חסדים איז אויך געווען אז ער פלעגט צוגרייטן אויף שבת און יום טוב א געשמאקן טאבאק מיט א גוטע ריח, און פלעגט ארום גיין טיילן דעם עולם פון דעם א שמעק.

געשטאנען איז אמאל דער עושר מיט זיין גאלדענע פושקע טאבאק צווישן שיינע יידן און גבירים און יעדן מכבד געווען.

דערווייל איז אין שול אויך אריין געקומען אן ארעמער בעטלער וואס איז נעבאך געווען אנגעטאן מיט צוריסענע מלבושים, און האט זיך צווישן די שיינע יידן און גבירים אריין געשטעלט און אויך געוואלט געניסן פון א שמעק טאבאק, ער האט אויסגעשטעקט זיין האנט און געבעטן דעם עושר א שמעק!

וואס? - גיבט אים דער עושר א זידל אפ בפני כל עם ועדה, - דו דארפסט אויך טאבאק, אנדערש פאסט דיר נישט?! דאס איז נישט פאר דיר, דיר וועל איך נישט געבן!

דער ארעמאן וואס איז געווען זייער אן איידאלער איז שטארק באליידיגט געווארן, ער איז אוועק אין א ווינקל און האט זיך צו-וויינט.

רבונו של עולם! - האט זיך דער ארעמאן אויסגעדריקט - קיין זאך אויף דער וועלט האב איך נישט, איך גיי ארום נע ונד צו געפינען מיין שטיקל ברויט, קיין כבוד האב איך נישט, אבער אפילו קיין שמעק טאבאק בין איך שוין נישט ווערד?! איז צו וואס טויג מיר דער לעבן!

עס איז געווארן א רעש אין הימל פון די הייסע צובראכענע ווערטער פון דעם ארעמאן, און באלד איז ארויס געקומען א גזר דין: דער עושר זאל אלעס פארלירן און דאס אלעס וואס אים איז פארשריבן געווארן זאל אריבער גיין צום צובראכענעם ארעמאן, ער זאל אויפגעריכט ווערן.

רבי! קומט צו לויפן דער עושר צום הייליגן בעש"ט עס זענען פארברענט געווארן אלע מיינע וועלדער, דאס איז האלב פון מיין פארמעגן!

רופט זיך אן דער הייליגער בעש"ט זי"ע: "דאס איז א שמעק טאבאק!" דער עושר פארשטייט נישט וואס דאס מיינט דער היזק איז דאך אסאך מער ווי א שמעק טאבאק!

אבער באלד קומט ער ווידער צו לויפן צום בעש"ט און שרייט ווידער, רבי! א מגיפה איז געפאלן צווישן די אקסן און זיי פאלן פגרים איינע נאך די אנדערע!

זאגט צו אים דער בעש"ט הק': "דאס איז נישט מער ווי א שמעק טאבאק!"

און דער עושר וואס איז שוין באלד אויס עושר פארשטייט גארנישט וואס דער הייליגער רבי מיינט מיט דעם.

ווען דער עושר איז געקומען און האט שוין דערציילט אז ער איז געבליבן בחוסר כל, האט אים דער בעש"ט הק' געזאגט, אז דאס האט גורם געווען א שמעק טאבאק!

ווען דו האסט אזוי מבזה געווען דעם ארעמאן און אים קיין שמעק טאבאק נישט געוואלט געבן און נאך מיט אזא אום בכבוד'דיגן אפשטופ בפני רבים, דאס האט ארויס געברענגט דעם ארעמאן צו א מצב פון "קצתי בחיי" און ער האט צום באשעפער ארויס געגעבן זיין קרעכץ. די מינוט איז פון הימל נגזר געווארן צו מאכן א בייט, דיין עשירות זאל אריבער גיין צו אים און זיין עניות און שפלות וועט אריבער גיין צו דיר, עס וועט דיר יעצט גארנישט העלפן, צו וואס דו וועסט זיך צורירן וועסטו קיין גוטן מזל נישט זעהן!

הייליגער רבי! - צו-וויינט זיך דער גביר - אמת איך בין דורך געפאלן און איך שפיר יעצט ווי גרויס דער דורכפאל איז געווען, און איך טו תשובה מיטן גאנצן הארץ און איך בין גרייט איבער צו בעטן דעם פארשעמטן ארעמאן בפני עם ועדה! איך בעט אויך דעם רבי'ן זאל מתפלל זיין פאר מיר, און מיר צו-ווינטשן איך זאל חלילה נישט בלייבן בחוסר כל, איך זאל קענען אויפהאלטן מיין פאמיליע און חלילה נישט דארפן גיין איבער די הייזער!

דאס איז פארפאלן - זאגט דער הייליגער בעש"ט זי"ע: דיר איז שוין קיין געלט מער נישט באשערט, ווייל דאס וואס מען האט פון הימל דיר באשערט איז אלעס אריבער צו אים, דער וואס איז געווען אן ארעמאן און ווערט פון טאג צו טאג יעצט רייכער, עס גייט אים יעצט די הצלחה צו וואס ער רירט זיך צו. ביז א קורצע צייט וועט ער זיין אזוי רייך פונקט אזוי ווי דו ביזט געווען פאר דיין דורכפאל!

איין וועג איז נאך פאר דיר פאראן, האט דער בעש"ט אויסגעפירט, אויב דו וועסט שטעלן דעם נייעם גביר פאר דעם זעלבן נסיון און ער וועט זיך נישט קענען מתגבר זיין און וועט דיר פארשעמען און אפזאגן האסטו האפענונג זיך צוריק צו שטעלן צו א רייכן מצב.

דער צובראכענער ארעמאן באלד נאך זיין וויינען און אויסגיסן זיין הארץ צום באשעפער אין הימל, האט גענומען עפעס טאן און האט באלד געזעהן הצלחה צו וואס ער האט זיך נאר צוגערירט, יידן האבן אים ארויס געהאלפן מיט הלוואות און ער האט אנגעהויבן האנדלען. די געשעפטן האבן זיך פארגרעסערט פון טאג צו טאג עס איז אים געגאנגען די הצלחה פאראויס און ביז א קורצע צייט איז ער געווארן רייך פונקט אזוי ווי דער עושר וואס איז געקומען יעצט צום מצב וואס דער ארעמאן איז געווען פריער, ווי הגלגל החוזר - דער פון אויבן איז יעצט אונטן.

אויך דער נייער עושר האט זיך גענומען צו טאן חסד, און אויך ער האט ביי זיך געהאט א גאלדענע פושקאלע טאבאק וואס ער האט געטיילט אין שול און מכבד געווען

ווער עס האט נאר געבעטן. דער נייער עושר וואס האט געדענקט גוט דעם בזיון וואס ער האט געהאט ווען דער עושר האט אים מבזה געווען מיטן נישט געבן דעם שמעק טאבאק, האט יעצט געשפירט ווי נויטיג איז אויך מכבד צו זיין ארעמעלייט און צובראכענע מענטשן מיט א שמעק טאבאק, דאס וואס גיבט זיי לפחות אביסל א געשמאק אין לעבן, און זיי שפירן זיך אז זיי זענען אויך מענטשן, און דעריבער האט ער שטענדיג געזארגט נישט צו פארפעלן ארעמעלייט ווען ער פלעגט מיט זיין טאבאק פושקע מכבד זיין די שול מענטשן.

אויך דער נייער ארעמאן פלעגט זיך אריין רוקן און דווקא צווישן שיינע יידן און האט שטענדיג געוואלט זיין דער ערשטער, און די סיבה פארשטייט יעדער איינער אלעס כדי דעם עושר אויפצורעקן און אים ברענגען צו א מצב פון כעס ער זאל אים באזידלען און פארשעמען - דער ארעמאן איז שטענדיג אויך געקומען מיט אן אנדער צורה, כדי דער עושר זאל אים נישט דערקענען, און ער האט אים טאקע נישט דערקענט, דאך האט ער ווי אלע ארעמעלייט מכבד געווען אויך אים און אים באלד דערלאנגט די פושקע טאבאק און דווקא דער ערשטער ווי דעם ארעמאנ'ס פארלאנג.

דער אויפפירונג פון דעם עושר האט דעם ארעמאן געברענגט צובראכנקייט אז ער קען דעם עושר נישט ברענגען צו א דורכפאל, דעריבער איז ער געזעצן יעדן טאג און געטראכט וועגן ווי אזוי דעם עושר ארויס צו נעמען פון געדולד און אים ברענגען צו כעס ער זאל אים מבזה זיין. און דא איז אים איינגעפאלן א געדאנק, וויבאלד דער נייער עושר האט יעצט זיך געגרייט צו א חתונה פון א זוהן וועט ער אויסניצן דעם געלעגנהייט פון די חתונה טאג אים אין כעס צו מאכן, און שטעלן פאר נסיונות.

דער חתונה טאג איז געקומען און דער ארעמאן האט זיך אויך געגרייט, דערצו האט ער זיך אנגעטאן צוריסן און שפל'דיג, ער האט אפגעווארט ווען דער מחותן דער עושר האט אנגעצונדן א "הבדלה" ליכט און גענומען דעם חתן ביי די האנט אים צו פירן צו די חופה, ווען פון אלע זייטן זענען געגאנגען מכובדים, רבנים און שושבינים, און דא לויפט ער אים אנטקעגן און שטעלט אפ די גאנצע שורה און שרייט אויס מיט א גרויסן זלזול ווען ער רופט דעם גביר דעם מחותן ביים נאמען גיב מיר א שמעק טאבאק! דער מחותן דער עושר שטעלט אפ דעם גאנצן סדר אלעס בלייבט שטיין, די מוזיק הערט אויף צו שפילן ער גיבט איבער איינעם די הבדלה און נעמט זוכן זיין פושקע טאבאק צולייגנדיג מיט א פריילאכן געזיכט: בכל הכבוד ר' ייד, איר וועט באלד באקומען א גוטן שמעק טאבאק אז איר וועט הנאה האבן, אז איך מאך א שמחה וויל איך אז אלע זאלן זיך מיט פרייען, און אויב אייער הנאה איז פון דעם טאבאק וועל איך אייך דאס געבן מיטן גאנצן הארץ. און אזוי רעדנדיג טרעפט ער די פושקאלע ער גיבט א קלאפ כדי אז מיט דעם עפענען די פושקאלע זאל זיך נישט אויסגיסן די טאבאק, און ער דערלאנגט עס צום ארעמאן, ווען אלע ארום זענען געווען

אנגעצויגן זיי וואלטן דעם ארעמאן געוואלט געבן א שטופ, טראכטנדיג: ער האט קיין בעסערע מינוט נישט געפונען?!

דער ארעמאן איז שיעור אנידערגעפאלן חלשות, נישט אויף דעם האט ער געהאפט, ער האט זיך אבער געשטארקט און געטראכט עס איז נאך דא האפענונג די נאכט איז דאך נאך גרויס.

ווען אלע מחותנים ובראשם דער חתן זענען געזעצן אויסגעזעצט ביי שיינע טישן, רבנים און שיינע יידן גבירים און פירערס פון שטאט זענען געזעצן פוןביידע זייטן פון חתן און די שמחה איז געווען גרויס, מ'האט אריין געברענגט די שמעקעדיגע מאכלים לכבוד די שמחה און זיי אויסגעלייגט אויפן טיש, און דא קומט אריין דער ארעמאן אנגעטאן צוריסן, פון אלע זייטן האבן זיך פון אים נאכגעשלעפט צוריסענע קליידער וואס האבן פארעקלט מענטשן צו שטיין נעבן אים, ער גייט אריין אין דעם ליכטיגן זאל, און קריכט ארויף אויפן טיש פון די מכובדים - חתן מחותנים און חשוב'ע געסט, ער קערט איבער אלעס, עס פאלן פון אלע זייטן פארצעלייענע טעלער מיט שיינע עסנווארג, גלעזער און פלעשער קערן זיך איבער און פאלן צו די ערד און עס מישט זיך אויס די עסן, מיט די וויינען, עס ווערט א גרויסער איבערקערעניש אין זאל, ביז דער ארעמאן ציהט זיך אויס אויפן טיש אנטקעגן דעם מחותן שטעקט אויס זיין האנט און בעט אים אויפן הויכן קול אויסרופנדיג זיין נאמען "גיב מיר א שמעק טאבאק!".

אלע ארום האבן דעם ארעמאן געוואלט מקיים פסק זיין פאר זיין אוממענטשליכקייט וואס איז שוין אריבער אלע גרעניצן, קומען פאר א נארישן שמעק טאבאק צושטערן אזא שיינע שמחה, אבער אונזער מחותן דער עושר האט זיך אויפגעשטעלט כאטש זיינע שיינע זיידענע מלבושים זענען געווען אנגעגאסן מיט וויין און סאלאטן, ער האט זיך נישט פארלארן אין דעם שווערן מאמענט, און מיט א שמייכל אויפן פנים זיך אנגערופן: טייערער ייד איך וועל אייך שוין געבן א שמעק טאבאק אז איר וועט פון אים גאר הנאה האבן! לכבוד די שמחה האב איך געמאכט א ספעציעלן טאבאק מיט א פיינעם ריח! און אזוי רעדנדיג האט ער ארויס גענומען די שיינע גאלדענע פושקע און דערלאנגט דעם ארעמאן מיט א פרייליכקייט: נעמט ר' ייד וויפל איר ווילט, אין מיין שמחה טאג זאלט איר אויך הנאה האבן.

אבער דער ארעמאן האט פון די טאבאק נישט גענומען ווייל אזוי אויסשטרעקענדיג זיין האנט איז ער געפאלן אין חלשות, מ'האט אים געמוזט דערמינטערן ארויס טראגנדיג פון זאל א פאר'חלש'טער, ער האט פארשפילט! ווען יענער האט געוואונען און איז בייגעשטאנען דעם נסיון!

# ספור — גדול כבוד הבריות

צו די הילולא פון הייליגן "בעל שם טוב" זיע"א

אין די תקופה פון הייליגן בעש"ט זצוק"ל איז געווען באוואוסט די צדיקת פון סאטינוב וואס מ'האט איר גערופן "די פרומה ריוואלע", זי איז געווען אן אשת חבר פון דעם צדיק רבי הערשל'ע פאטער פון די צוויי צדיקים תלמידי הבעש"ט הקדוש הרה"ק ר' יוסף פון קאמינקע און הרה"ק ר' יצחק פון מעזריטש.

דער מאן דער צדיק רבי הערשל'ע איזליידער נסתלק געווארן יונג און איז באהאלטן געווארן אין סאטינוב, און די אלמנה די צדיקת ריוואלע האט אויף איר גענומען צוויי זאכן: איינס, צו ערציהען אירע טייערע צוויי קינדער אז זיי זאלן וואקסן בני תורה און צדיקים ווי זי און איר מאן האבן געשטרעבט, און די צווייטע זאך עוסק זיין אין צדקה וחסד דורך שאפן געלטער און מפרנס זיין ארעמעלייט פון שטאט בעיקר אזעלכע וואס שעמען זיך צו בעטן צדקה.

☆ ☆ ☆

דער בעש"ט הקדוש האט משבח געווען די צדקות פון די צדיקת ריווא ע"ה און עס ווערט דערציילט ארום דעם ביי חסידים:

געקומען איז דער הייליגער בעש"ט אויף א שבת קיין סאטינוב, און געזאגט האט ער צו די תלמידים אז ער איז געקומען צו די שטעטל וויל ער זעהט אז אויף די שטעטל שיינט א גרויסע ליכט און עס געפינט זיך דארט זעהט אויס א צדיק וואס איז מגין אויף די שטעטל און אויפן געגנט ארום, און דעריבער וויל ער דעם צדיק זעהן.

אריין קומענדיג פאר שבת אין שטעטל האט ער געפרעגט אין הימל צו ער קען וויסן ווער דער צדיק איז, וואס אין זיין זכות איז דא אזא שיין און זיין זכות איז מגין אויף דעם געגנט.

פון הימל האט מען אים געענטפערט אז דאס איז א צדיקת, און ער אליין זאל דא נאכפארשטן ווער דאס איז.

ביים קבלת פנים זענען געווען געהויבענע חסידים פון שטעטל און דער בעש"ט הקדוש האט צו זיי געזאגט:

געקומען בין איך צו אייך אויף א וויזיט ווייל איך האב אויף אייער שטעטל געזעהן א שטארקע ליכט און מגלה געווען האט מען מיר אז דאס קומט גאר פון א צדיקת וואס וואוינט ביי אייך אין שטעטל, צו דען ווייסט איר ווער עס קען זיין, און וואס האט געברענגט אז די פרוי זאל אזוי ברענגען א שיין, אזא ליכט ווי די זון אין תקופת תמוז.

באלד האבן זיך די חסידים אנגערופן: עס איז געוויס די צדיקת די "פרומע ריוואלע" די מאמע פון די צוויי צדיקים וואס רעכענען זיך אלס תלמידים פון רבי'ן, זי איז עוסק אין צדקה וחסד און דאס איז חוץ פון דינען דעם באשעפער און מקיים זיין זיינע מצוות.

אויף מארגן פון שבת איז די צדיקת, צווישן די אלע אנדערע וואס זענען געקומען געבענטשט ווערן פון הייליגן בעש"ט, געקומען צום בעש"ט, און זי האט פאר אים געזאגט:

רבי, איך בין נישט געקומען געבן, נאר נעמען, עס זענען דא אין שטאט אסאך ארעמע און קראנקע וואס מען דארף שטיצן, און איך וויל פון רבי'ן א שיינע נדבה פאר זיי וואס איך וועל זיי געבן.

דא האט זיך אנגעהויבן א שפאר, דער בעש"ט האט אוועק געלייגט אויפן טיש א מטבע, און זי האט געוויזן אן אומצופרידנהייט, זי וויל דאס נישט נעמען, עס איז פאר איר וויייניג, עטליכע מאל האט דער בעש"ט צוגעלייגט נאך א מטבע און זי איז נאך אלץ נישט געווען צופרידן, נישט אויף אזא סכום געלט איז זי געקומען.

ווען דער בעש"ט הקדוש האט אוועק געלייגט א שיינע סומע געלט האט זי די געלט גענומען און אים באדאנקט און געוואונטשן.

ווען זי איז ארויס האט דער בעש"ט הקדוש זיך אנגערופן:

אן אמת'ע צדיקת! זי איז זיך אינגאנצן מבטל פאר יידנ'ס וועגן זי זעהט גארנישט ארום, חוץ פון וואס מען דארף דאגה'ן פאר דעם ארעמער קראנקער ייד, עס איז קיין חידוש נישט אז איר זכות איז מגין אויף דעם גאנצן געגנט.

## - נר זכרון לאנ"ש חסידי סטאלין-קארלין -

**יום ש"ק, ד' סיון.** הרה"ח ר' אשר ב"ר אברהם שפירא (משרת) ז"ל. סטאלין - ירושלים. תש"ב.

**יום ש"ק, ד' סיון.** הרה"ח ר' ישראל ב"ר חיים יוסף דוד ווינגארטן ז"ל. ירושלים. תש"ס.

**יום א', ה' סיון.** הרה"ח ר' זלמן יקותיאל יהודה ליב לעווינטאל ב"ר ישכר דוב שוחט ז"ל. ירושלים. תש"ב.

**יום א', ה' סיון.** הרה"ח ר' מרדכי בנימין רובינשטיין ז"ל בן יבלחט"א הרה"ח ר' יוחנן שליט"א. תשפ"א.

**יום א', ה' סיון.** הבחור ר' מאיר יחיאל מיכל גלויברמן ז"ל בן יבלחט"א הרה"ח ר' יהודה לייב שליט"א. תשפ"א.

**יום ב', ו' סיון.** הרה"ח ר' יעקב ב"ר שלמה זלמן רבינוביץ ז"ל. סטאלין - תל-אביב. תדש"ם.

**יום ד', ח' סיון.** הרה"ח ר' ישראל ב"ר אפרים גוטליב ז"ל. ירושלים. תשפ"ב.

**יום ה', ט' סיון.** הרה"ח ר' חיים שמואל ב"ר אליעזר שלמה אוירבוך ז"ל. חיפה. תשכ"ד.

# הילולא דצדיקא

**יום א׳, ה׳ סיון.** הרה״ק ר׳ אליהו בהרה״ק ר׳ יצחק אייזיק מזידיטשוב זצוק״ל. תרל״ט.

☆ ☆ ☆

**יום ב׳, ו׳ סיון.** מורינו ורבינו הבעל שם טוב, הרה״ק ר׳ ישראל ב״ר אליעזר ממעז״יבוז׳ זצוק״ל זי״ע. תק״כ.

☆ ☆ ☆

**יום ב׳, ו׳ סיון.** הרה״ק ר׳ אברהם שלום מסטרופקוב בן הרה״ק ר׳ יחזקאל משינאווא זצוק״ל. ת״ש.

☆ ☆ ☆

**יום ב׳, ו׳ סיון.** הרה״ק ר׳ אברהם מרדכי בהרה״ק ר׳ אריה ליב מגור זצוק״ל. ״אמרי אמת״. ירושלים. תש״ח.

☆ ☆ ☆

**יום ג׳, ז׳ סיון.** דוד מלך ישראל חי וקים. ב׳ אלפים תתקכ״ד.

☆ ☆ ☆

**יום ג׳, ז׳ סיון.** הושע בן בארי ע״ה. צפת.

☆ ☆ ☆

**יום ג׳, ז׳ סיון.** הרה״ק ר׳ אהרן צבי בהרה״ק ר׳ דוב בעריש מביאלא זצוק״ל. תר״ע.

☆ ☆ ☆

**יום ג׳, ז׳ סיון.** הרה״ק ר׳ ישכר בעריש מזידיטשוב בהרה״ק ר׳ יצחק אייזיק מספרין זצוק״ל. תקצ״ב.

☆ ☆ ☆

**יום ג׳, ז׳ סיון.** הרה״ק ר׳ ברוך בהרה״ק ר׳ שלום סאפרין מקומרנא זצוק״ל הי״ד. נכד מרן ״אור ישראל״ מסטאלין. תש״ג.

☆ ☆ ☆

**יום ה׳, ט׳ סיון.** הרה״ק ר׳ יצחק אייזיק ב״ר ישכר בעריש מזידיטשוב זצוק״ל. תרל״ג.

☆ ☆ ☆

**יום ו׳, י׳ סיון.** הרה״ק ר׳ משה מראזוודוב בהרה״ק ר׳ אליעזר מדז״יקוב זצוק״ל. תרנ״ד.

☆ ☆ ☆